NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04808

A MAYSE FUN DRAY TSIGELAKH VAYSE

Y. Kaminski

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Mel Ilberman
in memory of
Carl Ilberman*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. קאַמינסקי.

אַ מעשה פון דריי ציגעלאך ווייסע

אילוסטרירט

פון

נ. קאַזלאָווסקי.

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג

שוואַלבן

ניו יאָרק, 1927

קליינוואָרג סעריע נומער צוויי.

Copyright 1927
by J. KAMINSKY.
אַלע רעכט פאַרבאַהאַלטן.

פאַרלאַג שוואַלבן, ניו-יאָרק.

געווידמעט די אידישע קינדערגאַרטנס.

אַ מעשה
פון דריי ציגעלאך ווייסע



געווען אַ מאָל א אינגעלע,
אַ אינגעלע אַ קליינס,
וואַס האָט געהאַט דריי ציגעלאַך,
דריי ווייסע — איינס און איינס.



וואָס האָבן פון פרימאָרגן אָן
ביז אין דער שפּעטער נאַכט,
אין פּעלד געשפּרונגען און געטאַנצט
און פריילאַך גאָר פאַרבראַכט.



און אַז עס פלעגט די שוואַרצע נאַכט
זיך אין פעלד פאַרקלייבן,
פלעגט אינגעלע די ציגעלאך
צוריק אַהיים פאַרטרייבן.



פּאַסירט אַמאָל אַז אינגעלע

ברענגען גייט די ציגן,

ווילן זיי פון פעלד ניט גיין —

בלייבן דאָרטן ליגן.



ער בעט און רופֿט די ציגעלאַך —
זיי ווילן אַלץ ניט גיין.
דאָ זעצט אַוועק זיך אינגעלע
באַם וועג מיט אַ געוויין.



פאַרביי לויפט שנעל אַ העזעלע
זעט עס אינגלס טרערן. —
—וואָס וויינסטו ? פרעגט דאָס העזעלע,
זאָג נאָר, לאָמיך הערן.



דאָ רופט זיך אָפּ דאָס אינגעלע:

— איך וויין און וויין און וויין,

ווייל ס'ווילן ניט די ציגעלאך

מיט מיר אַ היים היינט גיין.



— דאָס גאַר? — צעלאַכט זיך העזעלע,
איך טרייב זיי באַלד אַריין!
גייט העזעלע און בעט און טרייבט
און רעדט די ציגן איין.



די ציגעלאך זיי פאָלגן ניט.
ניין! איין מאָל ניין און ניין!
זעצט העזעלע זיך אויף אַוועק —
פּלאַצט אויס מיט אַ געוויין.



דאָ לויפט פאַרביי אַ פיקסעלע.

— וואָס וויינסטו, פרעגט זי, האָז ?

און די טרערן דיינע ביטערע

רינעז אויף דיין נאָז ?



דאָ ענטפערט אָפּ דאָס העזעלע:

— איך וויין און וויין און וויין,

ווייל אינגל ווײנט

און אינגל ווײנט,

ווייל ס׳ווילן ניט די ציגעלאך

מיט אים אַהיים היינט גיין.



דאָס גאָר ? — צעלאַכט זיך פיקסעלע,
איך טרייב זיי באַלד אַריין !
גייט פיקסעלע און בעט און טרייבט
און רעדט די ציגן איין,



די ציגעלאך זיי פֿאָלגן ניט,
ניין! איין מאָל ניין און ניין!
זעצט אויך אַוועק זיך פיקסעלע —
פּלאַצט אויס מיט אַ געוויין.



דאָ לויפט פאַרביי אַ וועלפעלע,
וועלפעלע דער גרויער.
— וואָס וויינסטו, פרעגט ער פיקסעלעז,
זאָג וואָס איז דיין טרויער?



באַלד ענטפערט אָפּ דאָס פיקסעלע:
— איך וויין און וויין און וויין,
ווייל העזל וויינט.
און העזל וויינט,
ווייל אינגל וויינט.
און אינגל וויינט,
ווייל ס'ווילן ניט די ציגעלאך
מיט אים אַהיים היינט גיין.



—דאָס גאָר ?—צעלאַכט זיך וועלפעלע.
איך טרייב זיי באַלד אַריין !
גייט וועלפעלע און בעט און טרייבט
און רעדט די ציגן איין.



די ציגעלאך זיי פאָלגן ניט.
ניין, איין מאָל ניין און ניין!
זעצט אויך אוועק זיך וועלפעלע —
פּלאַצט אויס אין אַ געוויין.



דאָ פליט פאַרביי אַ בינעלע,

אַ בינעלע אַ ברויז.

וואָס ווײנסטו ? פרעגט עס וועלפעלע,

דערצייל מיר אַלצדינג אויס.

דאָ רופט זיך אָפּ דאָס וועלפעלע:

— איך וויין און וויין און וויין,

ווייל פיקסל ווײנט.

און פיקסל ווײנט,

ווייל העזל ווײנט.

און העזל ווײנט,

ווייל אינגל ווײנט.

און אינגל ווײנט,

ווייל ס'ווילן ניט די ציגעלאך

מיט אים אַהיים היינט גיין.





— דאָס גאָר ? צעלאַכט זיך בינעלע,
צעלאַכט זיך אונדזער ברויז, —
אָט פלי איך שוין אין פעלד אַריין
און טרייב זיי באַלד אין הויז.



דאָ ווישן אַלע זאַלבעפירט
זיך גלייך די אויגן אויס
און שיסן אויפן גאָרן פעלד
אין אַ געלעכטער אויס.



— זי, בינעלע, זי, ברוזעלע,

זי פיצינקעלע העלד,

וועט בייקומען די ציגעלאך

פאַרטרייבן פונם פעלד?



אַז ניט געקענט זיי בייקומען,
האָט קיינער פון אונדז פיר!
איי, איי, איז דאָס אַ בינעלע,
וואָס זאָגט איר נאָר צו איר!



פֿליט בינעלע אין פֿעלד אַריין,
איינס, צוויי — ניט לאַנג געטראַכט —
די ציגן אין די אויערן
בז־ז־ז־ז האָט זי געמאַכט.



בזזזזזזז —
גענומען האָבן ציגעלאַך
גלייך אַהיים זיך טראָגן,
קוים מיט די אויגן אָנצווזעו,
קוים זיי צו דעריאָגן.

אַ

גוטע

נאַכט

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 234